**אויף תיכף ארויסצוגעבן: 1/7/2022** **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון פאז איינס פון 47 מיליאן דאלערדיגע אפגרעיד צו צוגענגליכע סיניאָר האוזינג דעוועלאפמענט אין אמסטערדאם**

***באדייטנדע רעהאביליטירונג אויף סטרעטאן אפארטמענטס איצט פארענדיגט מיט קאנסטרוקציע אונטערוועגנס אויף צווייטער פאזע פון רענאוואציעס***

***פראיעקט וועט ענדגילטיג אפהיטן צוגענגליכקייט, פארבעסערן ענערגיע שפּאָר-מיטלען און זיכערהייט פאר 191 סיניאָר הויזגעזינדער ביי פובליק האָוזינג קאמפלעקס***

**בילדער צו באקומען [דא]**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון פאזע איינס אויף א 47.4 מיליאן דאלערדיגע רענאוואציע פון א פובליק האָוזינג דעוועלאפמענט פאר עלטערע מענטשן אין דעם שטאט אמסטערדאם. רענאוואציעס זענען איצט שוין פארטיג ביי סטרעטאן אפארטמענטס, וואס באשטייט פון 75 זיכערע, ענערגיע-שפּאָרעוודיגע און צוגענגליכע שטובער פאר עלטערע מענטשן. קאנסטרוקציע איז אויך אונטערוועגנס אויף דעם פראיעקט צווייטער פאזע צו אפגרעיד׳ען דער 116-יוניט ניו אמסטערדאם אפארטמענטס.

״צוגענגליכע האָוזינג איז א הויפט פאקטאר אין וואקסן און אנטוויקלען בליענדע קאמיוניטיס,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די רעהאביליטירונג פון די סטרעטאן אפארטמענטס איז קריטיש-וויכטיג צו פארזיכערן אז עלטערע מענטשן איבער גאנץ אמסטערדאם קענען נישט נאר וואוינען מיט זעלבסט-עהרע און זיכערהייט נאר ווערן אויך צוגעשטעלט דער געלעגנהייט צו שפילן א ראלע אין דער שטאט׳ס אויפלעבונג.״

סטרעטאן אפארטמענטס איז טייל פון גאווערנער האקול׳ס אלץ-ארומנעמענדע פלענער צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר׳דיג, און סטאביל. דאס נעמט אריין א נייע 25 ביליאן דאלערדיגע האָוזינג פלאן וואס וועט שאפן און אפהיטן נאך 100,000 צוגענגליכע שטובער אין אינער-שטאטישע און מער דארפישע ערטער לענגאויס ניו יארק אריינגערעכנט 10,000 מיט אונטערהאלט סערוויסעס, פארמערן קאנסטרוקציע פון נייע שטובער, און זיך נעמען צו דעם פראבלעם פון אומ׳יושרדיגע אומשטענדן אין דעם האָוזינג מארקעט.

סטרעטאן אפארטמענטס, וועלכס איז געבויט געווארן אין די 1970׳ער, באשטייט פון א זיבן-שטאקיגע געביידע מיט 75 דירות וואס געפונט זיך אויף 95 דיוויזשען סטריט. אלע אפארטמענטס וועלן צוגענגליך פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען ביז 80 פראצענט פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט און מיט לכל הפחות איין הויזגעזינד מיטגליד אין עלטער פון 62 אדער העכער.

דער פארנעם פון רענאוואציעס אנטהאלט דאס אוועקפירן פון אסבעסטאס, דאס ארייננעמען און אינסטאלירן פון נייע פענצטער, אלגעמיינע טירן, ענערגיע-שפארעדיגע הייסע וואסער בוילערס און LED באלייכטונג אויסריכטונגען איבער׳ן געביידע. אלע אפארטמענט קיכן און באדעצימערן זענען געווארן אפגרעיד׳עט מיט ענערדזשי סטאר עפלייענסעס און אויסריכטונגען.

רעזידענשעל באקוועמליכקייטן ביי סטרעטאן אפארטמענטס רעכענען אריין אינדרויסנדיגע פארקינג, אינדרויסנדיגע פארוויילונג פלאץ, א קאמיוניטי צימער, קאמפיוטער צימער און לאָנדרי-רומס.

סטרעטאן אפארטמענטס געפונט זיך וויניגער ווי איין מייל פון אלע עיקר׳דיגע סערוויסעס, אריינגערעכנט א שפיטאל, גראסערי סטארס, פארקס און קאמערציעלע ביזנעסער. א רעגלמעסיג גע׳סקעדזשיול׳טע סיטי-באס מאכט עטליכע סטאפס א טאג ביי דער געביידע.

דער פארענדיגונג פון סטרעטאן אפארטמענטס טוט אויך אפצייכענען דער אנהויב פון רענאוואציעס פאר דער פראיעקט׳ס צווייטער פאזע. ניו אמסטערדאם אפארטמענטס איז א 12-שטאקיגע געביידע מיט 116 דירות פאר עלטערע מענטשן וואס געפונט זיך אויף 26 וואָל סטריט. רענאוואציעס ביי דער געביידע וועלן פארטיג ווערן אין 2023.

די דעוועלאפערס זענען דער אמסטערדאם האָוזינג אויטאריטעט און 3D דעוועלאָפמענט גרופע על-על-סי. סטעיט פינאנצירונג פאר דער צוויי-פאזעדיגער דעוועלאפמענט רעכנט אריין 9.3 מיליאן דאלאר אין קביעות׳דיגע טעקס-עקזעמפט באנדס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע האבן געברענגט 15.9 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 15.6 מיליאן דאלאר אין סאבסידי פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳. די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט האט געגעבן 136,500 אין שטיצע.

**HCR קאמישענער רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״די קאָוויד פאנדעמיע האט פארערגערט דעם מאנגל פון ארנטליכע האָוזינג אפציעס פאר סיניאָרס וועלכע וואוינען אויף באשטימטע איינקונפט. די 47 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג וועט אפהיטן צוגענגליכקייט פאר 191 הויזגעזינדער, פארבעסערן לעבנס-קוואליטעט מיט גע׳אפגרעיד׳עטע און ענערגיע-שפּאָרעוודיגע באקוועמליכקייטן, און באשיצן דער געזונט פון פארוואונדליכע ניו יארקער. א דאנק אונזער צוזאמענארבעט מיט דער אמסטערדאם האָוזינג אויטאריטעט און D3 דעוועלאפמענט, וועט די קריטיש-וויכטיגער האָוזינג שטיצע ווייטער סערווירן אמסטערדאם׳ס סיניאָרס און ערמעגליכן פאר איינוואוינער צו וואוינען מיט זעלבסט-עהרע און זיכערהייט אין שטובער וואס זיי קענען אפארדירן.״

**דאריען עם. האריס, פרעזידענט און סי-אי-או פון NYSERDA, האט געזאגט,** ״מיר זענען צופרידן צו זען די פארשריט פון אמסטערדאם האָוזינג אויטאריטעט׳ס רעהאביליטירונג פראיעקט מיט׳ן איצט אנהויבן דער צווייטער פאזע פון אפגרעידס אויף צוגענגליכע האָוזינג פאר נידעריגע-איינקונפט סיניאָרס, און וואס וועט זיין ענערגיע-שפּאָרעוודיג, געזונט און באקוועם. איינוואוינער וועלן איצט געניסן פון נייע פענצטער און ענערגיע-שפּאָרעוודיגע אויסריכטונגען און עפלייענסעס איבער׳ן גאנצן בנין, וועלכס וועט שטיצן דער סטעיט׳ס באמיאונגען צו רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס און באקעמפען קלימאט ענדערונג, און אינאיינוועגס פארזיכערן אז אלע ניו יארקער געניסן פון די מעלות פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען.״

**סענאטארקע מישעל הינטשי האט געזאגט,** ״די צוזאמענגעארבעטע אינוועסטירונג דורך אונזער סטעיט און פעדעראלע שותפים וועט ערמעגליכן פאר דער אויפלעבונג פון 191 סיניאָר הויזגעזינדער ביי דעם סטרעטאן אפארטמענט קאמפלעקס אין דער שטאט אמסטערדאם — א באמיאונג וואס וועט זייער פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט פון איינוואוינער דורך א גענצליכער צוגאנג צו געביידע מאדערניזירונג. פון איינפירן קלימאט-גינציגע אפגרעידס פאקוסירט אויף ענערגיע-שפארעדיגקייט אויף

צו פארשטערקערן זיכערהייט פארבעסערונגען צו פארברייטערן איינוואוינער צוטריט צו וויכטיגע באקוועמליכקייטן צוגעשטעלט אויפ׳ן פלאץ, ווי קאמפיוטער צימער סערוויסעס, איז דאס דער סארט פראיעקט וואס מיר דארפן זען מער דערפון אין אונזער ראיאן און די באנייטע אינוועסטירונג וואס קומט זיך פאר אונזער אמסטערדאם קאמיוניטי. איצט מער ווי סיי ווען איז העכסט-נייטיג הויך-קוואליטעט, צוגענגליכע סיניאָר האָוזינג כדי צו העלפן אונזערע שכנים זיך עלטערן אין פלאץ זיכערערהייט. איך דאנק גאווערנער האקול און אונזערע סטעיט און פעדעראלע צוזאמענארבעטער פאר פריאריטיזירן אונזערע ארטיגע האָוזינג געברויכן, אויף וועלכע מיר וועלן פארזעצן ווייטער צו לינדערן דעם יאר איבער גאנץ אפסטעיט ניו יארק.״

**אסעמבלי-מיטגליד אנדזשעלא סאנטאבארבארא האט געזאגט,** ״פארברייטערן צוגענגליכע האָוזינג אין אונזער קאמיוניטי איז א וויכטיגער ציל און איבערהויפט מערקווירדיג פאר אונזערע מערסט באדערפטיגע איינוואוינער, און צוליב דעם האב איך געשטיצט די פינאנצירונג וואס איז נויטיג פאר דעם פראיעקט. דער ניי-רענאווירטער אפארטמענט קאמפלעקס וועט ערמעגליכן פאר סיניאָרס צו וואוינען אין מאדערנע, זיכערע האָוזינג און אויך בלייבן באהאפטן צו זייערע פאמיליעס, פריינט און זייער קאמיוניטי. איך בין באגייסטערט צו זען אז ארבעט זעצט פאר ווייטער אויף דעם פראיעקט וואס פארשטערקערט די צוגענגליכע האָוזינג אפציעס דא אין שטאט אמסטערדאם.״

**מעיאר פון אמסטערדאם מייקל סינקוואנטי האט געזאגט,** ״מיר האבן געהאט דעם פארגעניגן צו באזוכן עטליכע פון די רענאווירטע אפארטמענטס און גע׳אפדעיט׳עטע באקוועמליכקייטן ביי דער סטרעטאן אפארטמענטס פונקט ווען דער פראיעקט דערנענטערט זיך צו פארענדיגן. דאס איינגלידערן פון אויסטיליזירונג אייגנשאפטן וועלכע וועלן פארבעסערן די זיכערהייט און באקוועמליכקייט פון דער געביידע׳ס איינוואוינער און דאס באטאנען ענערגיע-שפּאָר מיטלען און גרינקייט פון צוקונפטיגע מעינטענענס מאכן זייער א גוטן רושם. אין נאמען פון אונזער שטאט וויל איך דאנקען דער AHA פאר דער קריטיש-וויכטיגער אינוועסטירונג אין הויכע-קוואליטעט האָוזינג פאר אמסטערדאם׳ס סיניאָרס.״

**ברוס לעווין, פרעזידענט פון D3 דעוועלאפמענט, האט געזאגט,** ״די צוזאמענגעארבעטע באמיאונג צווישן HCR, דער אמסטערדאם האָוזינג אויטאריטעט, שטאט אמסטערדאם און דער דעוועלאפמענט טיעם איז געווען וואס איז נויטיג געווען אויף צו נעמען דעם פראיעקט פון א געדאנק ביז אויף וואו מיר שטייען היינט, מיט׳ן באנייאונגס צערעמאניע פון סטרעטאן אפארטמענטס און דער אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף ניו אמסטערדאם אפארטמענטס.״

**דאמאריס קארבאן, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דער אמסטערדאם האָוזינג אויטאריטעט, האט געזאגט,** ״מיר דאנקען גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ פאר זייער שטיצע פון דעם פראיעקט. די פריאריטעט פאר דער אמסטערדאם האָוזינג אויטאריטעט איז צוצושטעלן זיכערע און הויכע-קוואליטעט וואוינונג אומשטענדן פאר די טענאנטן. הויכע-קוואליטעט האָוזינג איז דער שליסל צו סטאבילזירן געגנטער און אמסטערדאם׳ס אנגייענדע אויפלעבונג.״

**מאנטגאמערי קאונטי עקזעקיוטיוו מעטיו על אסענפארט האט געזאגט,** ״דאס האבן צוגענגליכע און זיכערע האָוזינג פאר סיניאָרס איז גאר שטארק וויכטיג פאר אונזער קאמיוניטי, איבערהויפט אין אזא צייט ווען אונזער פארעלטערנדע טייל פון דער באפעלקערונג האלט אין איין וואקסן. איך לויב די ארבעט וואס איז געמאכט געווארן ביי די סטרעטאן אפארטמענטס און איך קוק ארויס אויף דער פארענדיגונג פון פאזע צוויי, וואס וועט שאפן ווייטערדיגע געלעגנהייטן פאר אונזערע עלטערע איינוואוינער אין דער שטאט אמסטערדאם צו קענען האבן א זיכערע, באקוועמע ארט אנצורופן אלס היים.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן